יִשְׂרָאֵל לְמַעַן אֱמָנִים 2004 ©

ווּעט איר בּטוּחַ שטארבן. אבּער

אויב דורך דעם רוח הקודש איר
הַרגעט די יצר הרע מעשים פון דעם
אלטע נאטור, איר ווּעט לעבן.

14 ווארים אלע וואס ווערן געפירט
דורך דעם רוח הקודש פון ה', זענען
זיינע זין.

15 ווייל איר האט נישט באקומען א
גייסט פון עבדות (קנעכטשאפט) כדי
אייך צוריקברענגן אין פחד, להיפּוך,

איר האט באקומען דעם רוח הקודש
וואס מאכט אונדז פאר זין און דורך
אים רופן מיר: אבא, טאטע, פאטער!

16 דער רוח הקודש אליין זאגט עדות
מיט אונדזער גייסט אז מיר זענען
זיינע זין.

17 און אויב מיר זענען זין דען מיר
זענען יורשים: יורשים פון ה' און
בשותפותדיקע יורשים מיט משיח,
ווייל אויב מיר האבן ייסורים מיט
משיח כדי מיר זאלן אויך מקבל כבוד
צוזאמען (פארהערליכט ווערן
צוזאמען).

18 ווארום איך האלט אז די ייסורים

וואס מיר האבן איצט [אין דער עולם הזה] זענען נישט ווערט צו פארגלייכט מיט דער כּבוד [פון דער עולם הבא] וואס זאל אנטפּלעקט ווערן אין אונדז.

19 ווארים דער ערנסטע דערווארטונג פון הבּריאה (באשאף) האַרט דער אנטפּלעקונג פון די זין פון אדושם.

20 וואָרים די בריאה איז אונטערטעניק געווארן צו הבל-הבלים, נישט מיט חפץ (גרייטקייט), נאר צוליב אים וואס האט זי אונטערטעניקט געמאכט מיט א תִּקְוָה (האפנונג),

21 אז די בריאה אליין וועט אויך
אויסגעלייזט ווערן פון דאס
שקלאפעריי פון שחת (פארדארבונג)

צו דער הערליכער פרייהייט פון די זין
פון אדושם.

22 ווארים מיר ווייסן אז די גאנצער
בריאה קרעכצעט אין חבלי-לידה

צוזאמען ביז יעצט.

23 נישט נאר דאס, נאר מיר אליין
אויך, וואס האבן די בִּכּוּרֵי הָרוּחַ ,אויך

מיר קרעכצן אין זיך, בעת מיר ווארטן
אויף אונדזער בּחִירָה ,די אויסלייזונג
פון אונדזער גוף.

24 ווארים מיר זענען געגעבֿן געווארן ישוּעת אלוקינוּ אין דער דאזיקער תִּקְוָה. אבֿער א תִּקְוָה וואס מען זעט איז נישט קיין תִּקְוָה;